**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 12/22/2021 **גאווערנאר קעטי האקול**

## גאווערנער האקול שרייבט אונטער געזעצן צו שטיצן באַרס, רעסטוראנטן, ברייעררייען און אנדערע קלענערע ביזנעסער

***געזעץ S.2743/A.3909 ערלויבט צייטווייליגע ריטעיל פערמיטס פאר נייע באַרס, רעסטוראנטן און גראסערי געשעפטן אין ניו יארק סיטי***

***געזעץ S.6256-A/A.7757 פארברייטערט צייטווייליגע פאבריצירונג פערמיטס פאר אלע קוואליפיצירטע אלקאהאלישע געטראנקען פאבריצירער אין די סטעיט***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אונטערגעשריבן א רייע געזעצן אוועקנעמנדיג ביוראקראטישע שוועריגקייטן און העלפנדיג באַרס, רעסטוראנטן און אנדערע אלקאהאלישע געטראנקען ביזנעסער זיך צו עפענען שנעלער. איינע פון די געזעצן (S.2743/A.3909) ערלויבט אז צייטווייליגע ריטעיל פּערמיטס זאלן געגעבן ווערן פאר באַרס און רעסטוראנטן וועלכע עפענען זיך אין ניו יארק סיטי, לייגנדיג די ביזנעסער גלייך מיט אלע ביזנעסער אין די רעשט פון די סטעיט. אן אנדערע געזעץ (S.6256-A/A.7757) ערלויבט פאר נייע, צייטווייליגע פאבריצירונג (מעניופעקטשורינג) פּערמיטס צו געשאנקען ווען פאר ניו יארקע פאבריקן פון ווין, ביר, עפלווין און ברוינפן וועלכעווארטן אויף עמטליכע באשטעטיגונג אויף זייער פאבריצירונג לייסענס, כדי זיי זאלן קענען זיך עפענען און צושטעלן סערוויסעס פאר קונדן בשעת זייער פולע אפליקאציע ווערט איבערגעקוקט.

"לאמיר וואונטשן לחיים פאר די געוואלדיגע באַרס, רעסטוראנטן, ברייעררייען און אנדערע קליינע ביזנעסער וועלכע זענען א וויכטיגע טייל פון ניו יארק'ס עקאנאמיע", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "אזוי ווי מיר זעצן פאר צו באקעמפן די פאנדעמיע, דארפן מיר אויך זיכער מאכן אז מיר באשיצן אונזער עקאנאמיע, און די געזעצן וועלן שניידן ביוראקראטיע און ברענגען מער קונדן צום טיר ווי שנעלער מעגליך כדי צו העלפן קליינע ביזנעסער זיך צוריקצושטעלן אויף די פיס."

די געזעצן ארבעטן עס צו מאכן גרינגער פאר נייע ביזנעסער זיך צו עפענען. אונטער יעצטיגע געזעצן קענען ניו יארק סיטי ביזנעסער נישט באקומען צייטווייליגע אלקאהאל לייסענסעס; די סטעיט אלקאהאל אויטאריטעט (State Liquor Authority, SLA) איז נאר ערלויבט צו גיבן פערמאנענטע אלקאהאל לייסענסעס, און דאס צו באקומען דארף מען דורכגיין א לענגערע איבערבליק פראצעדור. אונטער די געזעצן (S.2743/A.3909) וועט די SLA קענען שענקן פאר געוויסע ניו יארק סיטי ביזנעסער צייטווייליגע אלקאהאל לייסענסעס פאר וועלכע די פראצעדורן וועלן נעמען בלויז 30 טעג — געוואנדן אין די סארט אפליקאציע. דאס וועט אויך העלפן די רעסטוראנט אינדוסטריע וואס פארדינט א דריטל פון אירע איינקונפטן פונעם פארקויפן אלקאהאלישע געטראנקען.

**סענאטארשע דזשעסיקע ראַמאָוס האט געזאגט,** "אין די צייט וואס די לעצטע אויפשטייג האט באטראפן אונזער סיטי, מוזן מיר בלייבן אנטשלאסן אין אונזער מיסיע צו אריינלייגן אינעם געזעץ מאסנאמען וועלכע וועלן העלפן אונזערע רעסטוראנטן און קליינע ביזנעס אייגנטימער זיך צו פארמעסטן

מיט דאס וואס קען זיין נאך א כוואליע. דורכן אונטערשרייבן מיין געזעץ, האט גאווערנער האקול געווארפן א רעטונגס שטריק צו באַרס און רעסטוראנטן אין NYC. זיי זענען די סחורה און לעבנ'ס קוואל פון וואס אונזערע געגנטער זענען געמאכט, און אן איינציגע פראצעדור פאר די גאנצע סטעיט פאר צייטווייליגע לייסענסעס פארזיכערט אז מיר קענען פארגרינגערן די פאטענציאלע חורבנות'דיגע ווירקונגען פון א קריזיס."

**אסעמבלי מיטגלידערין איינעז אי. דיקענס האט געזאגט,** "קליינע ביזנעסער אין ניו יארק סיטי זענען אריבער אזוי פיל, און מיר זאלן נישט צולייגן נאך מער שטרויכלונגען און ביוראקראטיע צו שטיין אין זייער וועג צו הצלחה. דאס איז די סיבה פארוואס אונזערע געזעצן זענען אזוי וויכטיג: עס שניידט דורך די ביוראקראטיע און העלפט זיכער מאכן אז באַרס און רעסטוראנטן האבן קונדן אדורכקומענדיג די טירן פון די סאמע ערשטע טאג נאך זיי עפענען זיך. איך בין דאנקבאר פאר גאווערנער האקול פארן אונטערשרייבן די שכל'דיגע געזעצן און פאר מיין לעגיסלאטיווע קאלעגע סענאטארשע ראַמאָוס פארן זיכער מאכן אז מיר פארענדיגן די ארבעט."

כדי צו פארשטערקערן די קליינע ביזנעסער אין די אלקאהאלישע געטראנקען פאבריצירונג אינדוסטריע, ערלויבט איינע פון די געזעצן (S.6256-A/A.7757) פאר די SLA צו שענקען צייטווייליגע לייסענסעס פאר בארעכטיגטע ביזנעסער, אריינרעכענענדיג פילע פאבריצירער פון היימישע אלקאהאלישע געטראנקען. געוויינטליך נעמט דער פראצעדור זעקס חודשים, און דאס ווארטן אזוי לאנג מאכט עס נאך מער איינגעשטעלט צו עפענען א נייע ביזנעס אין די פעלד. אונטער די נייע געזעץ קענען ביזנעסער אפּלייען פאר א צייטווייליגע לייסענס וואס ערלויבט זיי זיך צו עפענען בשעת'ן ווארטן אויף זייער עמטליכע באשטעטיגונג, פארמיידנדיג אנגעזאמלטע קאסטן אין רענט און אין אויפהאלטונג נאך די פלאץ און עקוויפּמענט ווערן געקויפט און צוזאמגעשטעלט.

**סענאטארשע מישעל הינטשי האט געזאגט,** "ניו יארק'ס בליהענדע היימישע געטראנקען אינדוסטריע איז א הויפט מקור פון לאקאלע שטאלץ און א וויכטיגע טייל פון אונזער סטעיט'ס טוריזם עקאנאמיע און אגריקולטורישע טראדיציע. פארשטערקערן אונזער אויבערהאנט אין די היימישע געטראנקען פעלד מיינט אז מיר שאפן א שטיצנדע ביזנעס אטמאספערע וואס העלפט די קליינע ביזנעס אייגנטימער צו ברענגען זייערע פראדוקטן פון דעם פארם צום גלאז בשעת'ן שאפן לאקאלע דזשאבס. מיין געזעץ, צוזאמען מיט אסעמבלי מיטגלידערין לופּאַרדאָ, צו גיבן נייע אלקאהאלישע געטראנקען פאבריצירער די געלעגנהייט צו אפּלייען פאר א 6-חודשים'דיגע צייטווייליגע פּערמיט וועט ערלויבן מער ביזנעסער צו עפענען זייערע טויערן שנעלער און שנעלער אנהויבן אריינברענגען פארדינסטן, און דאס איז באזונדערס וויכטיג דורכאויס אזעלכע שווערע עקאנאמישע צייטן. איך בין גאר דאנקבאר פאר גאווערנער האקול פארן אונטערשרייבן מיין געזעץ היינט און פארן אנערקענען די וויכטיגקייט פון צייטווייליגע פּערמיטס אלץ א מיטל צו אוועקשטעלן אונזער נייעסטע היימישע געטראנקען ביזנעסער אויפן וועג צום הצלחה."

**אסעמבלי מיטגלידערין דאַנע לופּאַרדאָ האט געזאגט,** "אויב א נייע היימישע געטראנקען ביזנעס האט א לאקאציע און די נויטיגע עקוויפּמענט זיך צו עפענען, זאלטן זיי קענען אזוי טוהן בשעת'ן ווארטן אויף זייער עמטליכע פּערמיט. שכל'דיגע געזעצן ווי די מאכן דאס גרינגער פאר די ביזנעסער זיך צו עפענען און צו שנעלער אנהויבן אריינברענגען פארדינסטן. עס ווייזט אויך אויף די ווערט וואס די ערשט-קלאסיגע אינדוסטריע האט אין אונזערע אויגן אלץ א ציהענדע אנקער פאר ניו יארק'ס טוריזם און א וויכטיגע באשטאנדטייל פון ניו יארק'ס אגריקולטור. איך קוק ארויס צו זעהן די נייע ביזנעסער וואקסן און צו פארזעצן אונזער אנגייענדע שטיצע פאר די היימישע געטראנקען אינדוסטריע. א דאנק פאר סענאטארשע הינטשי פאר איר צוזאמענארבעט און פאר גאווערנער האקול פאר איר ענטוזיאסטישע שטיצע."

ניו יארק סטעיט'ס אלקאהאלישע געטראנקען פאבריצירונג אינדוסטריע איז פאראנטווארטליך געווען פאר מער פון 5 ביליאן דאלאר אין איינקונפטן אין 2018. טראץ די עקאנאמישע אפּשוואכונג האט עס געגעבן

פאר געזעצגעבער א טשאנס צו איבערקוקן די געזעצן וועלכע קענען מעגליך שטיין אין די וועג פון נייע ביזנעס אייגנטימער. דורכן פארגרינגערן די שטאפל אין די SLA'ס באשטעטיגונג פראצעדור איז די אינדוסטריע ערווארטעט צו וואקסן דורכאויס די קומענדיגע עטליכע יאר. דורכן אוועקנעמען די צייט ווי לאנג מען דארף ווארטן און שטרויכלונגען צו זיך עפענען, וועלן די נייע געזעצן עלעקטריזירן די אינדוסטריע'ס שוואונג און ערמוטיגן מער קליינע ביזנעסער צו אנהויבן פאבריצירן וויין, ביר, עפלוויין און ברוינפן אין ניו יארק סטעיט. די אלקאהאלישע געטראנקען פאבריצירונג אינדוסטריע וועט אויך געשטיצט ווערן דורך די רעסטוראנט אינדוסטריע אין די צייט ווען די אינדוסטריע זעהט זיך ארויס פון אן ענליכע צושטאנד צוליב די פאנדעמיע.

**עקזעקיוטיוו דירעקטאר פון די NYC גאסטגעבער אינדוסטריע פארבאנד ( NYC Hospitality Alliance), ענדרו ריגי, האט געזאגט,** "ניו יארק סיטי'ס רעסטוראנטן און באַרס אינדוסטריע איז שווער באטראפן געווארן דורך די פאנדעמיע. די אינדוסטריע איז נאכאלץ מיט 100,000 דזשאבס צו ווייניג אין פארגלייך צו די צאל באשעפטיגטע ארבייטער בעפארן פאנדעמיע, און טויזנטע עסנווארג און געטראנקען ביזנעסער האבן פארהאקט די טויערן, איבערלאזנדיג ליידיגע געשעפטן איבער אלע פינף באָראָוס. מיר באדאנקען סענטארשע ראַמאָוס און אסעמבלי מיטגלידערין דיקענס פארן שתדל'ן פאר די געזעצן, און מיר דרוקן אויס אונזער טיפסטע דאנק פאר גאווערנער האקול פארן אונטערשרייבן דעם וויכטיגן געזעץ און פאר איר פירערשאפט מיטן שטיצן אונזערע רעסטוראנט און טוריזם אינדוסטריעס, פון קליינע ביזנעסער ביז ארבייטער. עס איז א גרויסע טריט אויף פאראויס מיטן אדרעסירן די אנגייענדע דיסקרימינאציע ארייגעבויט אין די אלקאהאל געזעצן קעגן ביזנעס אייגנטימער אין ניו יארק סיטי דורכן זיי ערלויבן צו באקומען צייטווייליגע אלקאהאל לייסענסעס. כאטש עס איז נאך דא מער ארבעט צו טוהן צו שטיצן די וויכטיגע אינדוסטריע, דאך וועט דער נייער געזעץ העלפן קליינע ביזנעסער זיך עפענען שנעלער, ברענגען מער מענטשן צו די ארבעט שנעלער, ארייבלאזן א חיות אין פארלאזטע רעסטוראנטן ארום די סיטי און אונטערהייבן אונזער עקאנאמיע."

**ניו יארק סטעיט לאַטינאָו רעסטוראנט, באר און לאַונדזש פארבאנד ( Latino Restaurant, Bar and Lounge Association) פרעזידענט דזשעפרי גאַרסיע און עקזעקיוטיוו דירעקטארין אריליע טאווערעס האבן געזאגט,** "מיר ווילן אפלאדירן גאווערנער האקול פארן אונטערשרייבן די קריטישע געזעצן וועלכע וועלן גיבן גלייכע געלעגנהייטן פאר רעסטוראנטן און באַרס אין ניו יארק סיטי. פאר צו לאנג זענען רעסטוראנטן און באַרס אין ניו יארק סיטי געווען עקאנאמישע פאראליזירט בשעת זיי האבן געווארט פאר זייער פערמאנענטע אלקאהאל לייסענס אפליקאציעס צו באשטעטיגט ווערן דורך די SLA. די געזעצן וועלן זיי ערלויבן צו באקומען צייטווייליגע לייסענסעס בשעת דער אפליקאציע פראצעדור שפילט זיך אפ, און עס וועלן זיכער מאכן אז די ביזנעסער קענען אפפערן א באדייטנדע טייל פון זייער מעניו פאר קונדן וועלכע ווילן קויפן אלקאהאל. מיט די שטייגנדע דראונג פון די קאוויד וואריאנטן, מוזן מיר אויסשטאטן רעסטוראנטן און באַר אייגנטימער מיט יעדע כלי צום האנט צו איבערלעבן די שווערע צייטן."

**עמפייער סטעיט רעסטוראנטן און קרעטשמע פארבאנד ( Empire State Restaurant & Tavern Association) עקזעקיוטיוו דירעקטאר סקאַט וועקסלער האט געזאגט,** "ערלויבן צייטווייליגע פערמיטס אין ניו יארק סיטי, אזוי ווי זיי זענען אין די רעשט פון די סטעיט, וועט ערמעגליכן די אנגייענדע הצלחה פון ניו יארק'ס גאסטגעבער אינדוסטריע. דאס איז באזונדערס וויכטיג יעצט, ווען מיר זעצן פאר זיך צו ספראוועון מיט די קאוויד-19 פאנדעמיע. מיר ווילן אויסלויבן די גאווערנאר און די לעגיסלאטור פאר זייער שטיצע פון די וויכטיגע קליינע ביזנעסער."

**ניו יארק סטעיט ברייעריי פארבאנד (New York State Brewers Association) עקזעקיוטיוו דירעקטאר, פאָול ליאָון, האט געזאגט,** "גאווערנער האקול זעצט פאר צו זיין א געוואלדיגע שתדלנית פאר די היימישע געטראנקען אינדוסטריע אין ניו יארק סטעיט, און מיר אפלאדירן איר פירערשאפט נאכאמאל מיטן אונטערשרייבן די געזעצן. מיט די יעצטיגע צייטן ווי לאנג מען דארף ווארטן פאר היימישע

געטראנקען לייסענסעס זייענדיג כמעט 6 חודשים, וועט דער געזעץ, אריינגעגעבן דורך סענאטארשע הינטשי און אסעמבלי מיטגלידערין לופּאַרדאָו, ערלויבן די כמעט-45 היימישע ברייערייען וועלכע ווארטן אויף די לייסענסעס זיך צו עפענען ווי באלד זיי באקומען די צייטווייליגע פּערמיט. דאס וועט זיי ערלויבן צו פארקויפן זייערע פראדוקטן, צאלן זייער רענט, צאלן זייערע בילס און צולייגן ארבייטער ווען זיי ווארטן פאר זייער לייסענס."

**ניו יארק סטעיט רעסטוראנט פארבאנד (New York State Restaurant Association) פרעזידענט און CEO מעליסע פליישעט האט געזאגט,** "מיר ווייסן אלע אז פאזיטיווע פעלער מערן זיך אין ניו יארק סיטי, און יעדן טאג ווערן רעסטוראנטן געצווינגען צו צייטווייליג אפשטעלן זייערע סערוויסעס, פארמעסטן זיך מיט א מאנגל אין ארבייטער און דארפן זיך אן עצה גיבן מיט אפגערופענע רעזערוואציעס. דורכן ערלויבן צייטווייליגע אלקאהאל לייסענסעס אין ניו יארק סיטי, גיבט די סטעיט אביסל ערלייכטערונג פאר ביזנעס אייגנטימער וועלכע וועלן אן קיין ספק זיך פארמעסטן מיט א שווערע ווינטער סעזאן און ברענגען אן אלטמאדישע געזעץ גלייך מיט די רעשט פון די סטעיט. א דאנק אייך, גאווערנער האקול, סענאטארשע ראַמאָוס און אסעמבלי מיטגלידערין דיקענס, און מיר קוקן ארויס צו פארזעצן צו ארבעטן אויף וועגן צו שטיצן די רעסטוראנט אינדוסטריע דורכאויס די פארלענגערטע קריזיס."

**סטעיט אלקאהאל אויטאריטעט פארזיצער ווינסענט ברעדלי האט געזאגט,** "אונזער גאסטגעבער אינדוסטריע קלענערע איז שווער באטראפן געווארן אין לויף פון די פארגאנגענע צוויי יאר, און מיר מוזן טוהן אלעס וואס מיר קענען צו שטיצן די וויכטיגע אינדוסטריע אין אונזער עקאנאמיע אין די צייט ווען זיי בויען זיך צוריק אויף. א הויפט פריאריטעט פאר גאווערנער האקול איז צו זיכער מאכן אז אלע ביזנעסער קענען זיך עפענען ווי שנעלער מעגליך, און די נייע געזעצן וועלן ערלויבן באַרס, רעסטוראנטן און פאבריצירונג ביזנעסער צו אנהויבן אריינברענגען פארדינסטן און שאפן דזשאבס שוין יעצט."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | 518.474.8418 | press.office@exec.ny.gov